„Radomer-Kieleer Leben" 1 (341) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

הײנט 8 זײטן.

Radom, dnia 2 Stycznia 1931 r.

ראדאם, פרייטאג י״ג טבת תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
„ „ „ אין „ 60 „
„ „ „ נאכ'ן „ 25 „

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 „

א האַרציגען מז״ט ווינשען מיר אונזער חבר און פריינד
**ישראל פעלדמאן** מיט זיין פרוי
צו דער האָכצייט פון זייער טאָכטער
**סאבטשע** מיט ה' **ישעי' ראָזענצווייג**
דעם יונגען פאָרל זאָל זיין זייער וועג באַלויכטעט מיט פריהלינג'ס-שטראַהלען און די עלטערען ווינשען מיר פיעל נחת, זיי זאָלען דערלעבען
בײַ'ן יונגסטען קינד מיט פיעל גליק.

**ישראל גוטמאן** עם פרוי און קינדער.

---

או זערער ג. בעאמטין
פר״ל פעלדמאן צו איר האָכצייט מיט ה' ישעי' ראָזענצווייג
ווינשט א גליקליכען צוזאמענלעבען
דער ראט און פערוואלטונג פון דער
**קאָאָפעראַטיווער האנדווערקער-באַנק**
אין ראדאָם.

---

אונזער האַרציגסטען גליקווינש דעם חבר
**ישראל פעלדמאן** עם **פרוי** צו דער חתונה פון זייער
טאָכטער **סאַבטשע** מיט ה' **ישעי' ראָזענצווייג.**
דער נייער לעבענ'ס וועג פון יונגען פאָר'ל זאָל פערשאַפען די עלטערען
פיעל נחת און פרייד.

די פערוואַלטונג פון **האַנדווערקער-ראט**
און **צעכען-ראט** אין ראדאָם.

---

א הערצליכען מז״ט ווינשען מיר אונזער חבר און פריינד
**ישראל פעלדמאן** עם **פרוי**
צו דער האָכצייט פון זייער ליבע טאָכטער
**סאַבטשע** מיט ה' **ישעי' ראָזענצווייג**
דעם יונגען פאָר'ל א גליקליכע צוקונפט און די עלטערען
נחת און צופרידענהייט.

**מ. קאָטלאר** עם פרוי.

---

אַ הערצליכען מז״ט אונזער חבר און פריינד
**ישראל פעלדמאן** עם **פרוי**
צו דער חתונה פון זייער ליבע טאָכטער
**סאַבטשע** מיט ה' **ישעי' ראָזענצווייג**
מיר ווינשען דעם יונגען פאָרל א גליקליכען צוקונפט
און די עלטערען פיעל נחת.

**פערעלע** און **הערשעל לאַנדאו**

---

א האַרציגען מז״ט ווינשען מיר אונזער חבר און פריינד
**ישראל פעלדמאן** עם **פרוי**
צו דער האָכצייט פון זייער **טאָכטער**
**סאַבטשע** מיט ה' **ישעי' ראָזענצווייג**
די עלטערען ווינשען מיר פיעל נחת און דעם יונגען פאָרל
א גליקליכע צוקונפט.

**משה פעלדמאן** עם פרוי און קינדער.

---

Krysia Przedeczówna
Warszawa

Bernard Senator
Radom

## Zaręczeni

Warszawa, w grudniu 1930 r.

---

Bernardowi Senatorowi z intencji zaręczyn
z p. Krysią Przedeczówną z Warszawy
najlepsze życzenia tą drogą składa

*Abram Rajchman*

---

Z intencji zaręczyn
p. Bernarda Senatora z p. Krysią Przedeczówną
wiele szczęście i wiecznego zadowolenia życzą:

*Nabryscy, Landauowie.*

---

Bernardowi Senatorowi
z intencji zaręczyn z p. Krysią Przedeczówną
najserdeczniejsze życzenia składają

*L. Gutsztadtowie*

---

## בעקאַנטמאַכונג.

די פערוואלטונג פון דער **יודישער קהלה** מאַכט דערמיט בעקאנט, אז אין די נאָהנטסטע טעג
**ענדיגט זיך דער טערמין פון איינצאהלען**
**דעם עטאַט-שטייער פאר'ן יאהר 1930.**

דער ענדגילטיגער טערמין איז גענוי אָנגעגעבען אין די בעזונדערע פונאַנדערגעשיקטע מעלדונגען, אַלזאָ בעטען מיר אלע עטאַט-צאָהלער נישט אָדורכצולאָזען דעם טערמין און גלייך איינצאָהלען דעם קהלה-שטייער פאר'ן דערמאָנטען יאָהר. דאָס ליגט אין די אייגענע אינטערעסען פון די עטאַט-צאָהלער, ווייל אין געגענפאל געהט-צו 10% פאר איינקאַסע און שטראָף פאר'ן מאגיסטראט.

די פערוואַלטונג פון דער
**יודישער קהלה**
— אין ראדאם. —

# גרויסע צעכעז-קאנפערענץ אין ראדאמער האנדווערקער-קלוב.

**פרעזעס פון קעלצער האנדווערקער-פעראיין גוטמאן האלט א אינטערע סאנטע רעדע — פאך-שולען און דערגענצונג'ס-קורסען זענען דער געבאט פון דער שעה — פאסיווע שטעלונג פון די יודישע פארשטעהער און אינטעליגענץ צו דער יודישער מלאכה.**

די טעג איז אין לאקאל פון ראדאמער האנדווערקער-קלוב פארגעקומען א עקסטרא קאנפערענץ פון די צעכען-פערוואלטונגען און קלוב-פערוואלטונג, אויף וועלכע עס האט אנגעגעבען א בעריכט ה. גוטמאן, פרעזעס פון קעלצער האנדווערקער-פעראיין און פערוו. מיטגליר פון די קעלצער האנדווערקער-קאמער.

ערעפענט די קאנפערענץ האט דער פרעזעס פון האנדווערקער-קלוב ה' מ. קאטלער, וועלכער בעגריסט דעם גאסט אין נאמען פון דער פערוואלטונג פון האנדווערקער-קלוב.

דעם פארזיץ האט איבערגענומען ה' ס. צימערמאן, וויצע-פרעזעס פון קלוב, וועלכער גיט די פארשטעהער פון די צעכען די מעגליכקייט צו בעגריסען.

עס האבען בעגריסט די ה"ה:

אין נאמען פון פריזירעד-צעך פר. ס. צימערמאן, שניידער — מ. ראזענבוים, קאמאשענמעכער — א. זימלער, טישלער — ח. גאלדפארב, שיסטער — א. אורין, מעטאל — ש. איידעלבוים, בעקער — א. האך, צוקערניקעס — ב. זילבערשטרום, מאלער — ליפשיץ, ווי אויך ב. ניימאן, פארשטעהער פון די ראדאמער האנדווערקער אין דער קעלצער האנדווערקער-קאמער.

נאכהער האט ה. גוטמאן געהאלטען א אינהאלטסרייכען רעפעראט א. ד. ט. „די ענטשטעהונג פון די האנדווערקער-קאמערען און די בעציהונג פון יודען צו די האנדווערקער-קאמער".

דער רעפערענט האט געגעבען א כראנאלאגישען איבערבליק איבער די ענטשטעהונג פון די געזעץ-פראיעקטען פון די צעכען, די טענדענצען פון די ערשטע געזעץ-געבער, זייערע כוונות בנוגע יודישע האנדווערקער, ווי אויך די גרויסע ראל, וואס האט געשפילט דער צענטראלער פערבאנד בעת'ן אויסארבייטען דאס געזעץ.

ער ווייזט אן אויף דער אלגעמיינע שלעכטע סיטואציע, אין וועלכע עס געפינט זיך די יודישע פארשטעהער-שאפט אין די האנדוו. קאמערען, וואו זיי געפינען זיך איבעראל אין דער אבסאלוטער מינדערהייט. ער גיט איבער איינע פאקטען, וועלכע אילוסטרירען די קאמפען, וואס קומט אויס צו פיהרען ביי פערשידענע פראגען, וועלכע האבען פאר יודען א גרויסע בעדייטונג.

דער רעפערענט שטעלט זיך בעזונדערס אפ אויף די עקזאמען-פראגע. ער ערקלערט, אז די יודען דארפען מאסענווייז געהן צו די עקזאמענס. ספעציעל יעצט ווען עס איז נאך הל די ה.חה-עקזאמענס. ער האלט, אז די יודען דארפען ווי ווייט מעגליך זיך אנשטרענגען און איינצאהלען פאר זי עקזאמענס אים אווי-ארום צו פערזיכערען זיך די עקזיסטענץ, ווי אויך פאר די נאהנטע, ווארום אנהויבענדיג פון 1 מערץ ניי-יאהר — וועלען קיין הנחה-עקזאמענס נישט גילטען.

ה' גוטמאן רופט די פערזאמעלטע צו פיהרען א ברייטע אגיטאציע פאר א מאסען-עקזאמען און אויסנוצען די 2 חדשים, וואס זענען נאך פערהאנען. ער בעמערקט אויך, אז די קריסטליכע בעפעלקערונג נוצט אויס די אווענד-קורסען און אפילו דערגענצונג'ס פאך-קורסען און די יודען כמעט גאר נישט. דאביי כאראקטעריזירט ער די פאסיווע שטעלונג פון די יודישע אינטעליגענץ און די רעליגיעזע פארשטעהער לגבי די אקטיווע ארבייט פון די קריסטליכע אינטעליגענץ און זייערע רעליגיעזע פארשטעהער, וועלכע בויען אווענד-פאך-שולען און קורסען, און וועלכע אינטערווענירען, וואו מען דארף אום צו בעקומען סובסידיעס.

די פערזאמעלטע האבען מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט דעם רעפעראט, וועלכער איז געהאלטען געווארען אין א פאפולערער זאכליכער פארם.

*

די צעכען-פערוואלטונגען האבען אויך איינגעארדענט א באנקעט, וועלכער האט געדויערט ביז 3 פארטאגס אויף וועלכען מ'האט געמיטליך פערברענגט.

אבסטרוואטאר.




# טאג-בוך
## פון א ראדאמער זעלבסטמערדער

איך בין געזעסען אין דער טוידטען-שטוב א שעהנע פאר שעה. איך האב געווארט, אז ס'זאלען קומען מיינע עקזעקוטארען און אויספיהרען איבער מיר דעם אורטייל.

דער אורטייל איז בעשטימט געווען אויסצופיהרען פארטאג. ביז דאמאלט האט מען אין דער פינסטערער צעלע, וואו איך בין געזעסען, אריינגעפיהרט נאך עטליכע פערזאנען. די פנים'ער פון די דאזיגע מענשען, זענען חיים אין בלוי. ס'איז געלעגען אויף זיי דער גרויליכער פיבער פון טוידט-שרעק. די נייע אריינגעקומענע זענען אויך געווען כרדם-פערמשפט'ע און האבען צוגלייך מיט מיר געהארט איבען טרויריגען פרכאג. מיר האבען צווישען זיך קיין ווארט נישט אויסגערעדט.

יעדער איז געזעסען אויף זיין ארט פערשטארט און פערגליווערט. איינער האט אנגעקוקט דעם צווייטען מיט שטימע, צאפעלדיגע בליקען, ווי ביי האלב משוגענע. ביי א טייל האבען טרערען געקאפיעט פון די אויגען און א טייל האבען זיך געריסען די האר פון קאפ, אדער זיך געהאקט דעם קאפ אין וואנד. פון צייט צו-צייט האט מען געהערט אויסזיפצען מיט א שרעקליכען יאמער: אך גאט, מיינע קינדער, מיין פרוי.—

אין צעלע איז געווען קאלט. ערגעץ אין א ווינקעל האט געצאנקט א ליכטעל וואס האט פערשפרייט מעהר שאטען ווי ליכט. איבער דער טוידטען-קאמער האט זיך פארגעשטעלט, א געהיימניספול בילד. די שאטענס פון אונז אלע זענען געקראכען ווי אבגעשווירענע שפעטען אויף די וואנד. דארט האבען זיי זיך צוזאמענגעטראמען און פראיינגט אין איין שפיק שווארצקייט, וואס האט בעקומען א מאדנע געשטאלט פון א סך קעפ, גפו און אוירען. איך האב נישט אראבגענומען דאס אויג פון די בעזאטענע ווענד און איך האב ביי זיך געהאט די פארשטעלונג, אז ארום אונז אויף די פייכטע, אבגעריסענע וואנד שלעפען זיך ווירקליך אבגעקראכענע שעפסען, וואס מ'פיהרט צו דער שחיטה...

איך האב געזעהן פאר די אויגען יענס בילד פון די פיהרען מיט שטרוי און נעטראכט האב איך ביי זיך: אה. שוין נישט לאנג, נאך אין א פאר שעה ארום וועט מ'ן אונז, די איצט נאך לעבעדיגע, שלעפען אויף די וועלבע חעגעוער און אונזער בלוט וועט רינען און פליסען דורך די שטרוי שפאלטען, ווי עס רינט דאס בלוט פון געשאכטענע שעפסען, בשעת מ'פיהרט זיי צוריק פון שחט הויז..

איבער אונזער הסכת טוידטען-קאמער הערשט א גרויסע שטילקייט. זאלטען ווער זיך בעוועגט זיך ווי פערשטייפטע בומיטס זיצען מיר דא און צעהלען די שעה'ען, די מינוטען, די רגע'ס צום אימה'דיגען פארטאג. די קעפ ארבייטען, די געדאנקען פייבען, ווי אין א העליש פייער, און די גופים ווארפען זיך ווי אין פאראליטיש. יעדער זעהט זיין

# א צירקולאר פון מיניסטעריום

## וועגן דראגאווי שטייער.

ס'איז כדאי איבערצוגעבען פאר אונ־זערע לעזער בקיצור די גלגולים, וואס דער ענין וועג־שטייער האט דורכגע־מאכט.

אין פונקט 9 פון צירקולאר פון 19 פעברואר 1927 (נומער FS 824|27), האט דאס אינערען־מיניסטעריום אויס־געקלערט, אז וועג־אפצאהלונגען קענען איינגעפיהרט ווערען בלויז אין אויס־נאמס־פאלען אויף לטובת די שטעדט וואס זענען אויסגעשיילט פון די קאמו־נאלע קרייז־פערבאנדען.

דער העכסטער אדמיניסטראטיווער טריבונאל האט אבער אין זיין פסק דין פון 19 נאוועמבער 1929 (ווי' 4642|28) זיך געשטעלט אויפ'ן שטאנדפונקט, אז לויט'ן ארט. 19 פון וועג־געזעץ פון 10 דעצעמבער 1920 („דז. אוסטאוו" ר. פ. פון יאהר 1921 נומער 6, פאזיציע 32) קענען בלויז וואיעוואדישע און קאמו־נאלע קרייז־פערבאנדען דורך בעשלו־סען, ארויפלייגען אזעלכע ספעציעלע אבצאהלונגען; אקעגען זשע קענען נישט ארויפלייגען אזעלכע ספעציעלע אבצאלונגען גמינעס, סיי שטאדטישע און סיי דארפישע, ממילא הייסט דאס אויך אויסגעטיילטע שטעדט. און דע־קען די הוצאות פון בויען און אויס־האלטען די גמינע־וועגען, דארפען זיי פון די אלגעמיינע הכנסה מקורים צוליב דעם אלעם ווי אויך צוליב די בעשטימונגען פון ארט. 5 פון געזעץ פון 3 אויגוסט 1922 וועגען העכסטען אדמיניסטראטיווען טריבונאל, אין נוסח פון צוגאב צום צירקולאר פון פרעמיער־מיניסטער פון 26 יוני 1926 (דז. אוסט. ר. פ. 89 פאר. 400) האט דאס אינער־רען מיניסטעריום דורך א צירקולאר פון 10 נאוועמבער ה. י. נומער SF 202|224|3 געענדערט דעם פונקט 9 פון אויבענדערמאנטען נוסח:

„וועג · אבצאהלונגען קען מען בע־שטימען בלויז לטובת פאוויאטאווע קא־מונאלע פערבאנדען.

„שטאדטישע און דארפישע גמינעס האבען נישט קיין רעכט צו נעמען ספע־ציעלע וועג־אבצאהלונגען, וועגען וועל־כע ס'רעדט זיך אין דערמאנטען ציר־קולאר, וייל דאס נעמען אזעלכע אפ־צאהלען שטיצט זיך אויפ'ן ארט. 19 פון געזעץ וועגען ביוען און אויסהאל־טען עפענטליכע וועגען אין דער פוי־לישער רעפובליק, פון 10 דעצעמבער יאהר 1920 (דז. אוסט. ר. פ. נומער 1921|6 פאר. 32), וואס גיט בפירוש די געהעריגע בערעכטיגונגען בלויז פאר די פאוויאטאווע און וואיעוואדישע קא־מונאלע פערבאנדען.

אין הסכם מיט'ן צירקולאר פון מי־ניסטעריום וועט מען שוין אין נייעם שטאדטישען בודזשעט, דעם וועג־שטיי־ער נישט פרעלימינירען.

וואס שייך די איינגעצאהלטע סומעס, קען אפשר מעגליך זיין, אז דער מא־גיסטראט וועט זיי צוריקצאהלען.


די שטאדט = גאזאווניע

— פערקויפט —

הורט און דעטייל

פרעפארירטע סמאלע — קארבאלינעאום

און קאקס

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען

— פיהרט אויס —

גאז = אינסטאלאציעס

וואננע אייוועלעך

קיכלעך צו קאכען

אייוועלעך צו ווארימען

— בעשטעלונגען נעמט־אן —

GAZOWNIA MIEJSKA

MŁODZIANÓW, Tel. 134 skr. p. 28.


— דער מענש אוז אראב פון זי־נען. פאר שרעק איז ער משוגע גע־ווארען. איהם איז גוט, ער וועט נישט פיהלען אזוי שרעקליך דעם ביטערען טעם פון טוידט. —

דערהערענדיג אזעלכע ווערטער בין איך גאך מעהר צווילדעוועטער גע־ווארען און גענומען שרייען מיט פער־קריצטע צייהן:

— איך בין נישט משוגע, ניין, זייט מיך נישט מקנא. איך וועל פיהלען דעם טוידט שמערצליכער ווי איהר

— דערביי בין איך צוגעלאפען צו יעדען פון זיי, איהם ארומגעכאפט און מיט א געיאמער־אויסברוך האב איך זיי געפרעגט:

— זאגט מיר. ליבע מענשען, איך וועט דערשיסען א אייגען קינד, אנ'־אייגענע טאכטער. זאגט מיר, טייערע מענשען צי ביי אייך אין אייערע היי־מען וועט מען אויף אייך נישט א היי־מער טרער פערגיסען? וואס שווייגט איהר? וואס קוקט איהר מיך אזוי אן מיט דערשראקענע, אונפערשטענדליכע אויגען? איהר מיינט, אז דא רעדט צו אייך געוויס א משוגענער, ניין, מיינע ליבע, טייערע מענשען. איך בין ביים דער־פולען בעוואוסטזיין, הלואי וואלט איך געווען א משוגענער, און ס'וואלט נישט אמת געווען דאס, וואס איך וויל אייך זאגען —

— די מענשען זענען אויפגעציטערט אין איבערראשענדיג זייער טויט־שווייגעניש האבען זיי כארכלענדיג אויסגעשטאמעלט:

— ניין, א הר זענט נישט משוגע, דערצעהלט, וואס מהוט אייך וועה, דערצעהלט —

— איהר זענט גליקלעך מיינע איינ־ער טוידט — האב איך זיך צעכליפעט ווי א קליין קינד — אייך וועט א פרעמדע תלינישע האנד אומברענגען, אבער מיך וועט דערשיסען א אייגענע טאכטער, א משעקא־אגענטקע. זי האט זיך פרייוויליג געמעלדען צו ערמארדען איהר טאטען דעם בורזשוי. נו, זאגט יעצט אליין, ווער פון אייך איז גליק־ליכער און ווער פון אייך איז א מגליק־ליכער. פ'חיים, איין טוידט ערווארט אונז אלע, אבער כ'און פארט אנ'איינ־טערשיד. פערהאן א טוידט א גרינ־גערער, א שווערער, מיין טוידט איז דער שווערסטער. די האנד פון אייגען בלוט און פלייש וועט מיך פון דער וועלט אומברענגען —

ווען איך האב אזוי געדערט איז אין א ווינקעלע ביים פענסטער געזע־סען איינער א פערהויקערטער, אנ'איי־געבויגענער, וואס האט זיך איינגאנצען נישט צוגעהערט צו מיינע ווערטער, ער איז געזעסען און זיך געשאקעלט קלאפענדיג זיך כסדר איבער'ן הארץ: אשמנו, בגדנו, גזלנו. ער האט געהע־שעט אין דער שטיל און נישט אויפ־געהערט צו זאגען ודוי, די גאנצע צייט. זינט מ'האט איהם ארייננעפיהרט אין צעלע, איז ער געשוויגען. קלאפען אין הארץ האט ער ערשט אנגעהויבען ווען איך האב אנגעהויבען ארומלוי־פען איבער דער קאמער. די דאזיגע ודוי פון יענעם אונבעקאנטען — האט מיך שטארק פעראינטערעסירט. נאך מעהר האט מיך פערוואונדערט, וואס יענער האט אפילו נישט געהערט, וואס איך דערצעהל אזא אויטערלישע זאך. איך בין דעריבער מיט גרויס געשפאנטקייט ארויבערגעלאפען צו איהם איבערגעריסען זיין ודוי, איהם ארומ־געכאפט און שאקלענדיג אידם אינ־גאנצען האב איך ווילד געשריגען, קוי־קענדיג יענעם אין די אויגען:

— ר'יוד וואס וויינטאיהר אזויז איהר שטארבט דאך גליקליך! אייערע קינדער וועלען דאך נאך אייך קדיש זאגען. אפשר האט איהר אויך קינדער אין „טשעקא"? זאגט, אייך וועט אויך פאר־טאג דערשיסען אייער אייגענע טאכטער?

דער אונבעקאנטער האט אינגאנצען זיך געווארפען אין מיינע הענד. ער האט ארויבגעלאזט די אויגען. איך אבער האב איהם וואס אמאהל שטאר־קער, דורכדרינגליכער אנגעקוקט ביז... ביז איך האב א איבערראשטער אויס־געשריגען:

— פיניעלע!!! פיניעלע, פיניעלע, דו ביסטו דאס? ווי אזוי ווען, וואס, אין מיט דיר געשעהען? וואס טהוסטו דא? — ווי קומסטו דא אהער?—

איך בין געפאלען הינטער זיך און פאר גרויס איבעראשונג שיעור נישט געפאלען אין חלשות.

(פארטזעצונג קומט)

# !! קירצליך אין ראדאם !!

דער בעקאנטער אין ראדאם

קינא „ODEON“

געהט קירצליך איבער

אין א קלאנג-פילם

צום ערשטען ארויסטריט וועט דעמאנסטרירט ווערען דאס

בעריהמטע מייסטער-ווערק

## ATLANTIC

אין דאזיגען קלאנג-פילם ווערט געוויזען

די קאטאסטראפאלע געשעהעניש

פון דעם דערטרונקענעם אקעאן-ריעז

„טיטאניק“

דער פילם האט פערשלונגען מיליאנען און איז פאר

זיין ריינדערבארע טעכניק בעשאנקען געוואָרען

מיט א גאלדענעם מעדאל.










Szefostwu naszemu Państwu **J. Senator**
z intencji zaręczyn Ich syna
p. Bernarda z p. Krysią Przedeczówną
składa tą drogą najserdeczniejsze życzenia

*Personel.*

אברהם עפשטיין.

## אין א געזונטען גוף — איז א געזונטער גייסט.

צו דער „מכבי“-וואך אין ראדאם.

ממשות'דיגע „כח און גבורה“— אט דאס האבען מיר מזרח-יודען ביז גאר דער לעצטער צייט פערשמאנען, ווי ברוטאלע ווילדע קראפט, וואס האט גארנישט צו טוהן מיט דעם פיין-געפיהל פון מענשליכען כאראקטער און נשמה. פאר דער שטארקער פויסט האבען מיר קיין שום רעספעקט נישט געהאט. די פיזישע קראפט האט אונז געשראקען, און דערביי געוועקט ביי אונז מעגבעהאלטענע פעראכטונג. „ווער מיר כח, וואס מיר כח“ — אין דעם כח האבען זיי פערגינען געשען. אונזערע שכלים וויל צו עבודת הבורא. צו געטליכער ארבייט פאסט גארנישט צו האבען קיין יודען כחו...

און ערשט גאר אין די לעצטע יאהרען, ווען צוזאמען מיט דער גייסטיגער אויפלעבונג פון יודישען פאלק איז אויך געקומען צו פערשטענדניש פאר דער נויטווענדיגקייט פון דער פיזישער ענטוויקלונג ביי יודען, הויבען מיר אן קימען צום שכל, אז א געזונטער שעה נער גוף איז גאר קיין שאנדע נישט און ווען מיר שטעהען אויף דער שוועל פון יודישער פאלקס-רענעסאנס, ווען מיר הויבען זיך אן אויסצוגלייכען אויפצוטעטען מיט דער פולער ברוסט דערגעהען מיר צו דעם אמת, אז דער קערפער איז דער אויסערליכער שפיגעל פון דער נשמה, אז דער נייער שטאלצער יודישער אינהאלט, וואס וויל ארויס אין דער ברייטער וועלט אלס וועלט-בירגער, פאדערט פאר זיך א א נייער בארם.

און פונקט ווי ראס אויפבליהען און די ליבשיגקייט דריקט זיך אויס אין דעם גרין—געלאקטען פריהלינג אין דעם פריידיגען געשמאק פון בלומען, אזוי שפיגעלט ארויס דער שטארקער עלעמענטארער און שעפערישער גייסט, פון דעם שעהנעם און לעבענסלוסטיגען קערפער—דעם שטאלצען אידישען קערפער.

אין דאזיגער דעריגער האבען אין גלויבען דער ראדאמער יודישער געזעלשאפט, וועלכע וועט מיט ברייט געעפענטע ארעמס—צוזאמען מיט אפענע הערצער בעגעגנען די פארדערונגען פון היגען יודישען ספארט פעראיין „מכבי“ אין איהר אונטערנעמענער אקציע פון דער „מכבי“ וואך און וועט אונטערשטיצען די מאטעריעל און די מאראלישע דעם אויבענדערמאנטען ספארט-פעראיין, וועמענס אויפגאבע איז צו לייען דעם גרונטשטיין, צו שאפען אן ארגאניזאציע פון שטאלצע, מוטיגע, העלדישע און שטארקע יודישע ספארט-מענער מיט דרייסטע בליקען אין די אויגען מיט שלאנקע פיגורען, מיט גוט-ענטוויקעלטע ברוסט-קאסטענס און מיט גוט ענטוויקעלטע רוקענס, און אזוי ארום לעזען דעם וויכטיגסטען פראבלעם פון קערפערליכער ווידער-אויפלעבונג פון יודיש-נאציאנאלען פיזישען רענעסאנס: וויל אין א געזונטען קערפער—איז א געזונטער גייסט!

און וואויל, האט געלאזט וויסן זיינע געוועזענע מחותנים, אז ער האט שוין מיט מזל חתונה-געהאט מיט אן ארענטליך מיידעל. זייער טאכטער פראניע, וועלכע ער האט שטארק געליבט, האט דעם ענזאמען נישט אויסגעהאלטען.

# קעלצער אבטיילונג.

## כל = זמן עס איז נישט שפעט!

עס האנדעלט זיך אין א פראגע, וועלכע אין נוגע די אינטערעסען פון במעט דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג ביי אונז אין שטאדט. היינטיגע וואך איז אין די שטאדט פערשפרייט געווארען א עקשנות'דיגער קלאנג, אז גאר בקרוב זאל ליקווידירט ווערען די קעלצער וואיעוואדזטווע און ממילא אויך דער וואיעוואדזטווע - אמט, די שטייער-קאמער און אלע נעבען-אמטען, וועלכע האבען א דירעקטען שייכות צו דער וואיעוואדזטווע.

וו ווייט קאטאסטראפאל די פערווירקליכונג פון אזא פראיעקט איז פאר די בעפעלקערונג פון קעלץ. איבערהייפט פאר'ן סוחר'שען און האנדווערקער טייל, קען מען זעהען פון די ב'ויזע ווירקונג פון דעם דערמאנטען קלאנג אין דער שטאדט, עס פערשוועכט יעדער די פאלגען דערפון. עס בעדייט פשוט פאר די שטאדט א פולשטענדיגע עקאנאמישע רואינע. קעלץ פערמאגט נישט קיין אינדוסטריע פאזיציעס און דער גרעסטער טייל פון די בעפעלקערונג ערנעהרט זיך הויפטזעכליך פון האנדעל און האנדווערקעריי. די שטיצע איז אין גרויסער מאס אויף די פיעל טויזענדער בעאמטע פון די צעהנדליגער מלוכה'שע אמטען. צוליב דעם אויך וואס קעלץ איז די וואיעוואדזטווע - שטאדט פון גרעסטען קרייז אין פוילען איז שטענדיג דא א גרויסע בעוועגונג פון פיעל פרעמדע אינטערעסאנטען, וועלכע קומען ערלעדיגען זייערע ענינים אין די אמטען. די אלע אומשטענדען האבען ווי עס איז, וואס געווען צו דער ענטוויקלונג פון דער שטענדיג קלייגער שטאדט קעלץ, עס איז דעריבער לייכט צו בעגרייפען די סיבות פון די צעדורערונג וואס אזא ידיעה קען ארויסרופען.

ליוט ווי דער שרייבער פון די שורות איז אינפארמירט געווארען שטעלט זיך די זאך פאר אזוי:

זייט 2 יאהר ארבייט א ספעציעלע מלוכה'שע קאמיסיע איבער דעם פראיעקט פון דער א מיניסטראציוויער פערטיילונג פון לאנד. לעצטענס האט די קאמיסיע פערענדיגט איהר ארבייט און איז צוגעטרעטען צו רעדאגירען איהרע פארשלאגען. עס איז זיכער, אז די קאמיסיע האט בעשלאסען צו ליקווידירען איינינע וואיעוואדזטוועס אין פוילען און לויט אלע וואהרשיינליכקייטען וועט אויך די קיעלצער וואיעוואדזטווע ליקווידירט ווערען און די שטעדט וועלען צוטיילט ווערען צווישען די שכנות'דיגע ווארשאווער, לאדזער אין שלעזישע וואיעוואדזטוועס.

זעלבסטפערשטענדליך, אז די פראיעקטען פון די קאמיסיע קענען נאך געענדערט ווערען, אבער עס איז זיך צו ריכטען אויף ערגער חי אויף בעסער.

עס איז דעריבער א דרינגענדע אויפגאבע פון אלע יודישע סוחרים און האנדווערקער אין קיעלץ אנצוהויבען א ענערגישע אקציע וועגען דערמאהנטען ענין און בעמיהען זיך צו ווירקען אויף די מאסגעבענדע קרייזען אז דער קאטאסטראפאלער פראיעקט זאל נישט רעאליזירט ווערען.

איצט, ווען דער פראיעקט געפינט זיך אלס פארשלאג פון די מלוכה-קאמיסיע, בעוויך אלעס אנגעווענדעט ווערען, מוז אלעס מעגליכעס געטוהן יוערען כל—זמן עס איז נישט שפעט!...

ל. ר—ל

## צו אונזערע ג' אבאנענטען און אנאנסען-געבער.

היינטיגען זונטאג דעם 4-טען קומט אונזער אינקאסענט קיין קעלץ. מיר בעטען דעריבער אלע אונזערע ג. אבאנענטען און אנאנסען-געבער צו רעגולירען זייערע חובות פאר אונזער ציי ונג.

בעזונדערס בעטען מיר די יעניגע אבאנענטען, וואס זענען שולדיג פאר עטליכע מאנאטען, אז זיי זאלען ענדליך ערלעדיגען זייערע חובות. מיט דעם זעלבען ווענדען מיר זיך צו די ה"ה אנאנסען-געבער, וואס לייגען אב פון איין חודש אויפ'ן צווייטען און זענען שולדיג פאר אנאנסען, וואס זענען מיט א לענגערע צייט געדרוקט געווארען. אזא בעציהונג מצד זייזא זוגע ה"ה אבאנענטען און אנאנסען-געבער ווירקט פאטאל אויף אונזער צייטונג און בעדראהט איהר עקזיסטענץ.

מיר בעטען דאס צו נעמען אין אכט און נישט הייסען דעם אינקאסענט קומען איינינע מאהל, איבערהויפט אין די ווינטער-טעג, ווען די קעלטען און פרעסט פערדאפלען אונזערע אויסגאבען, וואס זענען פערבונדען מיט'ן קומען פון אונזער אינקאסענט קיין קעלץ.

אדמיניסטראציע
„ראדאמער-קעלצער לעבען"
אין ראדאם.

---

פיעל גליק און שטענדיגע צופרידענהייט ווינשען מיר אונזער זוהן
און ברודער פנחס אייזענבערג
צו זיין האכצייט מיט פר"ל מאניע פישמאן
מוטער, שוועסטער און ברידער'ן
קעלץ. אייזענבערג.

---

א הערצליכען מזל טוב ווינש איך מיין פריינד
פנחס אייזענבערג
צו זיין האכצייט מיט פר"ל מאניע פישמאן
יחזקאל קאהן, קעלץ.

---

דעם ה' עקיבא פישמאן און פרוי
צו דער חתונה פון זייער ליעבע טאכטער
ווינש איך א הערצליכען מזל - טוב און פיעל נחת.
משה זייפמאן, קעלץ.

---

צו דער האכצייט
פון פרל' מאניע אסטראוויטש מיט ה' נ. דייבוג
ווינש איך דעם יונגען פאר גליק און די עלטערען פיעל נחת.
משה זייפמאן, קיעלץ

---

אנשטאט א וואונש-טעלעגראמע צו דער האכצייט
פון פר"ל מ. אסטראוויטש מיט ה' נ. דייבוג
שפענדען מיר 18 זל. לטובת דעם „בית יתומים" אין קיעלץ.
ד"ר לעווינזאהן, ל. רייזמאן, מ. וואלדבערג, מ. ראוויצקי,
ס. ראוויצקי, י. מאנעלא, צעמבערקאוויטש, ב. שטונקע, א. מינץ

---

בברכת מזל-טוב אנו מברכים את חברנו העסקן הציוני
מר נחמי' אסטרוביץ לרגלי נשואי בתו.
ועד הקרן-קימת-לישראל בקילצה.

---

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם
ה' נחמי' אסטראוויטש און פרוי
צו דער האכצייט פון זיין ליבע טאכטער מיט ה' נ. דייבוג
קעלץ. יודל גוטמאן און פרוי.

---

בברכת מז"ט אנו מברכים את
מר נחמי' אוסטרוביץ לרגלו נשואי בתו
ברית הצה"ר „ומפדח"
בקילצי.

---

## מכבי = רינג

### פאנד צו בויען א ספארט = סטאדיאן פאר'ן יודישען ספארט-קלוב „מכבי" אין קעלץ

ה' ד"ר זילבערשלאק ענטפערט מיט 20 זל. און רופט ארויס די ה"ה: ד"ר לעווינסאן, ד"ר שאטץ, און ד"ר לעווין.

ה' עדוארד זייגעיסקי ענטפערט מיט 15 זל. און רופט ארויס די ה"ה: אינזשיניער ריכטער בר., בערגארד, קליינמאן, און מרדכי רובינשטיין.

ה' ד"ר. ווארגאן ענטפערט מיט 15 זל. און רופט ארויס די ה"ה: ד"ר גאלדשטיין. פעליקס בוגאיער, און אדאם בוגאיער.

ה' מאקס גאלדבליט גיינט 10 זל. און רופט ארויס די ה"ה: א. לאנדער, י. אבארזשאנסקי, און גרינגראס.

(פארזעצונג קומט)

א הערצליכען מזל־טוב װינשען מיר אונזערע פריינד
**ישראל פעלדמאן** עם פרוי
צו דער חתונה פון זייער טאכטער
**טאבצשע** מיט ה׳ **ישעי׳ ראזענצװייג**
די עלטערען פיעל נחת און דעם יונגען פּאָרל גליק און צופרידענהייט
**שמואל חײַנשטאָק** עם פאמיליע.

---

צו דער חתונה פון מיין געה. אנגעשטעלטען
**יאקוב סאנדאָמיר** מיט פר״ל **רעגינא רובינשטיין**
װינש איך פיעל גליק און צופרידענהייט.
**שמואל חײַנשטאָק.**

---




---

Z okazji zaślubin
p. *Beli Churginówny*
— z p. —
*Mońkiem Tressem*
składam swe najszczersze życzenia
na nowej drodze życia
a Rodzicom pociechy.
*Leon Altman.*
Radom, 27 grudnia 1930 r.

---

# א קאראקולענעם דאמען־פּאלטא
פערקויף איך
**געלעגענהייטליך**
ערקינדיגען קאן מען זיך אין האָטעל זשימסקי
(לובלינער 15) צימער 31
**ש. גלאזמאן.**

---

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דעם חבר **שמואל נאכמאן**
צום טויט פון זיין
# מוטער נ.ע.
צעך פון צוקערניקעס און לעקעך בעקער
אין ראדאָם.

---

געלעגענהייטליך צו פערקויפען
# א אייזערנע קאסע
אין זעהר א גוטען צושטאנד פאר א צונעגליכע פרייז
ערקינדיגען זיך אין רעדאקציע ר. ד.

---

אונזער ליבען מיטגליד און שטענדיגען קליענט
ה׳ **שטראָזבערג** מיט זיין כלה **הדסה גולדבערג**
פון קעלץ, װינשען מיר צו זייער חתונה פיעל גליק
און שטענדיגע צופרידענהייט.
Bank Udziałowy Sp. Kielce.

---

## Poszukuje się KASJERKI
do banku za kaucją. —
Zgłoszenia składać do skrz. pocztowej № 324 (Kielce).

---

## Kochana Esto!
Twój ból jest zarazem naszym bólem!
Przyjm droga słowa współczucia od naszych zbolałych serc
i niechaj Wiekuisty będzie miłościwym dla rodziny osieroconej
po nieodżałowanym przedwcześnie zmarłym **OJCU** Waszym
**Koleżanki - współpracowniczki**
*Banku Udziałowego* — w — Kielcach

---

אונזער מיטארבייטערין **אסתר גאָלדשייד**
צוליב׳ן פריצייטיגען טראַגישען טויט פון איהר פאָטער
# פנחס הכהן ז״ל
דריקען מיר אויס אונזער אמת׳ן מיטגעפיהל; גאָט זאָל איהר
און איהר משפחה טרייסטען אין זייער גרויסען אומגליק.
*Bank Udziałowy Spółdzielczy*
**w Kielcach.**

---




---

— די — שענסטע
# טאפּעטען
צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען
אין דער לאַנג־יעהריגער פירמע
# ש. שטיינמאן
ראדאם, לובלינער 21.

---

*Kino dźwiękowe „ŚWIT"*
Dziś i dn. następnych
# NIEBEZPIECZNY ROMANS
w roli głównej: Betty Amann
Nad program: Wspaniałe dodatki dźwiękowe.

---

*Kino CORSO Teatr*
Dziś i dni następnych
# POKUSA EUROPY
*Na scenie: REWJA*

---

*Kino ODEON Teatr*
Od 1 Stycznia r. b.
# NADKOBIETA
Nad program
*Zadatek na szczęście*

---

*Kino „Nowe Czary" Teatr*
Dziś i dni następnych!
# Hrabia Cagliostro
Nad program
*Zepelin w płomieniach*

Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kelcer Leben" Radom Szwarlikowska 20.